# שומרי הלשון

## מיר היטן אונזער דיבור



טעגליכער לערנען פראגראם

# אינהאלט

### לאוין

1) לא תלך רכיל בעמיך (ויקרא יט:טז)
2) לא תשא שמע שוא (שמות כג:א)
3) השמר בנגע הצרעת (דברים כד:ח)
4) ולפני עור לא תתן מכשל (ויקרא יט:יד)
5) השמר לך פן תשכח את ה' אלקיך (דברים ח:יא)
6) ולא תחללו את שם קדשי (ויקרא כב:לב)
7) לא תשנא את אחיך בלבבך (ויקרא יט:יז)
8) לא תקם ולא תטר את בני עמך (ויקרא יט:יח)*
9) לא יקום עד אחד באיש לכל עון (דברים יט:טו)
10) לא תהיה אחרי רבים לרעת (שמות כג:ב)
11) ולא יהיה כקרח וכעדתו (במדבר יז:ה)
12) לא תונו איש את עמיתו (ויקרא כה:יז)
13) ולא תשא עליו חטא (ויקרא יט:יז)
14) כל אלמנה ויתום לא תענון (שמות כב:כא)
15) ולא תחניפו את הארץ (במדבר לה:לג)
16) לא תקלל חרש (ויקרא יט:יד)

### עשין

17) זכור את אשר עשה ה' אלקיך למרים (דברים כד:ט)
18) ואהבת לרעך כמוך (ויקרא יט:יח)
19) בצדק תשפט עמיתך (ויקרא יט:טו)
20) הוכח תוכיח את עמיתך (ויקרא יט:יז)
21) וחי אחיך עמך (ויקרא כה:לו)
22) ובו תדבק (דברים י:כ)
23) ומקדשי תיראו (ויקרא יט:ל)
24) וקדשתו (ויקרא כא:ח)
25) מפני שיבה תקום והדרת פני זקן (ויקרא יט:לב)
26) כבד את אביך ואת אמך (שמות כ:יב)
27) את ה' אלקיך תירא (דברים ו:יג)
28) ודברת בם (דברים ו:ז)
29) מדבר שקר תרחק (שמות כג:ז)
30) והלכת בדרכיו (דברים כח:ט)

* אין דעם סדר הלימודים האבן מיר צאמגעפארט די צוויי הלכות אין איין שיעור, כאטש זיי זענען באמת צוויי באזונדערע לאוין.

## הלכות לשון הרע


31) לשון הרע, שלעכטע רייד וואס זענען אמת

32) מוציא שם רע, פאלשע רייד

33) מאכן א געוואוינהייט

34) רמזים און האנט באוועגונגען

35) געשריבענע לשון הרע

36) מען רעכנט זיך אליין אריין

37) אויב אלע ווייסן

38) אויף א רבי אדער מחנך

39) סודות

40) איבערדערציילן אן עוולה וואס א חבר האט דערציילט וועגן זיך

41) אויב מען וואלט געזאגט די זעלבע זאך אין יענעמ׳ס קעגנווארט

42) אלס א וויץ

43) אן ארויסזאגן דעם נאמען

44) דאס לשון הרע ברענגט נישט קיין שאדן

45) בין אדם למקום

46) בין אדם לחבירו

47) וועגן א שלעכטע מידה

48) האט נישט א געוויסע גוטע מידה

49) האט זיך אפגעזאגט פון טון א טובה

50) א פארגאנגענע עבירה

51) איז נישט קלוג

52) קען נישט לערנען, ספעציעל אויף א תלמיד חכם

53) צוברענגען אז די צוהערערס זאלן האלטן וויינער פון אן אנדערן

54) פעאיגקייט פון א פאכמאן

55) איז פיזיש שוואך

56) איז ארים

57) בארעדן די סחורה פון א געשעפט

58) בארעדן די דברי תורה פון א תלמיד חכם

59) גורם זיין שאדן מיט ווערטער

60) האט זיך אפגעזאגט פון אים טון א טובה

61) אויף משפחה מיטגלידער

62) אויף קליינע קינדער

63) אויף אן עם הארץ

64) אויף א תלמיד חכם

65) אויף איינעם וואס איז שוין אוועק פון דער וועלט

66) אויף א שטאט

67) אויף א גרופע מענטשן

68) ווי טון א מענטש מיט ווערטער

69) אויף איינעם וואס האט גערעדט לשון הרע אויף דיר

70) דן זיין לכף זכות

71) ווען מען ווערט געצוואונגען דערצו

72) ווען אן ערוואקסענער דריקט צו

73) אויב מען וועט פארלירן געלט

74) צווישן א גרופע מענטשן וואס רעדן אלע לשון הרע

75) רעדן לשון הרע פאר א גרופע מענטשן

76) די זעלבע רייד וואלט נישט געברענגט שאדן אויב עס ווערט געזאגט אויף אן אנדערן מענטש

77) איבערדערציילן לשון הרע

78) גלייבן לשון הרע

79) אויב עס ווערט געזאגט אין קעגנווארט פון פיל מענטשן

80) אויב עס ווערט געזאגט אין קעגנווארט פון דעם מענטש פון וועמען מען רעדט און ער זאגט גארנישט

81) אויב עטליכע מענטשן דערציילן די זעלבע רייד

82) לשון הרע צו קרובים

83) לשון הרע צו איינעם אויף זיינע קרובים

84) לשון הרע צו א גוי

85) רייד וואס זענען מרמז א שלעכטע זאך

86) לויב אין קעגנווארט פון איינעם וואס האט אים נישט ליב

87) צופיל לויבן

88) לויבן א מנהיג ישראל

89) לויבן איינעם פאר א גרופע מענטשן

90) לויב וואס ברענגט אין אמת'ן ארויס שלעכטס

91) לויב וואס קען פארשאפן עגמת נפש

92) זיך צוהערן צו לשון הרע

93) גלייבן א שמועה וואס איז לשון הרע

94) גלייבן לשון הרע ווען ער רעכנט זיך אליין אריין

95) א באגלייבטער מענטש

96) אנווייזן שלעכטס אלס תועלת

97) זיך נאכפרעגן אויף איינעם וואס מען קלערט צו נעמען אלס שותף

98) זיך נאכפרעגן אויף אלטע חברים

99) תשובה

100) זיך דערוויטערן פון מענטשן וואס זענען געוואוינט צו רעדן לשון הרע
101) פארדרייען דעם שמועס
102) מצוה פאר עלטערן אפצוהאלטן קינדער פון רעדן לשון הרע


## הלכות רכילות


103) הקדמה צו רכילות
104) מען מיינט נישט צו גורם זיין שווערע געפילן
105) ווען די רכילות איז אמת
106) גורם זיין פיינטשאפט צווישן חברים
107) ווען עס האנדלט זיך פון צוויי מענטשן וואס האבן זיך נישט ליב
108) דורך רמזים אדער ווארנקען
109) אומדירעקט רכילות
110) געשעפט רייד
111) ווען מען ווערט צוגעדריקט
112) ווען מען ווערט צוגעדריקט דורך אן ערוואקסענער
113) ווען מען ווערט פארשעמט
114) שרייבן רכילות
115) צווישן א גרופע מענטשן
116) די שלעכטס איז געזאגט געווארן אין קעגנווארט פון פיל מענטשן
117) רכילות אין קעגנווארט פון דעם וואס האט אים בארעדט
118) אויב עמיצער דערציילט דיר אז א צווייטער האט דיר בארעדט
119) איבערדערציילן די רייד פאר א דריטער מענטש
120) רכילות אויף א תלמיד חכם
121) רכילות צו עלטערן
122) רכילות אויף קינדער
123) דער מענטש האט שוין געהערט די רכילות
124) זיך צוהערן צו רכילות
125) גלייבן רכילות

# שומרי הלשון

## הלכה 1

**"לא תלך רכיל בעמיך"**

- דו זאלסט נישט ארומגיין ווי א פעדלער פון איין מענטש צום צווייטן "פארקויפן" לשון הרע. (ויקרא י"ט:ט"ז)

### לאמיר פארשטיין די הלכה

מען טאר נישט דערציילן קיין שום שלעכטס אויף אן אנדער מענטש. דער חפץ חיים רעדט ארום וועגן צוויי אופנים ווי אזוי מען קען רעדן שלעכטס: **דער ערשטער אופן** ווערט גערופן לשון הרע און **דער צווייטער אופן** הייסט רכילות.

לשון הרע באדייט אז איינער דערציילט סיי וועלכע שלעכטע זאך אויף א צווייטן.

רכילות באדייט אז איינער דערציילט עפעס, וואס וועט צוברענגען אז דער צוהערער זאל ווערן אויפגערעגט אויף אן אנדערן.

צום ביישפיל: אויב מען דערציילט פאר איינעם אז א צווייטער האט פרובירט אים וויי צו טון, אדער גערעדט לשון הרע אויף אים, איז עס רכילות. די פאלגנדע מעשה איז א ביישפיל פון רכילות.

## צוליב פעדלען שוואכע סחורה

לוי האט פארמאכט דעם ספר און אויפגעהויבן די אויגן צו זיין חבר. "לאמיר זיך יעצט אפרוען אביסל, גוט?"

"אקעי," האט דוד צוגעשטימט. אינאיינעם זענען זיי אראפגעגאנגען אין קאך, נעמען עפעס איבערצובייסן.

"חיים האט דיך גערופן, ווען דו האסט געהאלטן אינמיטן חזר'ן אויבן," האט לוי'ס מאמע אים געמאלדן.

לוי האט געקרימט מיט'ן פנים. "אוי, איז ער א נודניק!" האט ער זיך באקלאגט פאר דוד'ן. "ווייסט ער דען נישט אז איך בין היינט פארנומען? ער קען אסאך מאל גוט דרייען א קאפ."

אויפצומארגנס, בשעת הפסקה, האט דוד באגעגנט חיים אין קארידאר. "איך האב דיר עפעס צו דערציילן," האט אים דוד שטילערהייט געזאגט.

חיים'ס נייגער האט זיך אנגעצונדן.

"חיים," האט דוד געזאגט. "זאלסט נישט מיינען אז לוי איז דיר אן עכטער חבר. נעכטן, ווען דו האסט אים גערופן אויפ'ן טעלעפאן, האט ער געזאגט אז דו ביסט א נודניק, און דו קענסט אסאך מאל דרייען א קאפ."

חיים איז אויפגעשפרונגען. "ווא-א-א-אס? אזוי האט לוי געזאגט?" ער האט זיך

## המשך הלכה 1



אויסגעדרייט אויף צוריק און אריינגעריסן אין הויף.

נאך הפסקה, זענען לוי און חיים אריינגעקומען אין קלאס צעשטורעמט. דוד האט זיך געשפירט אביסל שולדיג זעענדיג די אויפרעגונג אויף זייערע פנימ'ער.

ער האט זיך אבער פרובירט בארואיגן. "חיים האט א רעכט צו ווייסן וואס לוי האלט וועגן אים," האט ער געטראכט ביי זיך, "און כאטש וועט ער אזוי ארום וועלן זיין מיין חבר. סוף-כל-סוף האב איך דאך אים געטון א גרויסע טובה מיט'ן זאגן וואס לוי טראכט אמת'דיג וועגן אים."

דעם אנדערן טאג, איז דוד געווען ביי זיין פעטער'ס חתונה. ער האט געפעלט צוויי טעג פון חדר. צוריקקומענדיג אין קלאס סוף וואך, האט ער געזען צו זיין איבערראשונג, ווי לוי און חיים זיצן און שמועסן אינאיינעם. ווען זיי האבן באמערקט דוד'ן אריינקומען, האבן זיי געווארפן אויף אים בייזע בליקן.

דוד איז געבליבן שטיין פארגליווערט, און די צוויי חברים האבן זיך אויסגעדרייט און ווייטער פארגעזעצט זייער שמועס. דוד'ס הארץ איז יעצט געווארן אנגעפילט מיט טיפע חרטה געפילן דערויף וואס ער האט פריער פרובירט צו שטערן זייער פריינטשאפט.

### טראכט אריין...

1) וואס האט דוד נישט ריכטיג געטאן מיט'ן איבערזאגן פאר חיים וואס לוי האט געזאגט?

2) וואספארא סארט שאדן קען פאסירן ווען מען רעדט רכילות, אזוי ווי דוד האט געטון?

3) **לאמיר איבערשמועסן:** וואס האט דוד צום סוף פארלוירן דורכ'ן "פעדלען" שלעכטע רייד?

## הלכה 2

**"לא תשא שמע שוא"**

- דו זאלסט נישט אננעמען קיין שלעכטס. (שמות כ"ג:א')

### לאמיר פארשטיין די הלכה

מען טאר נישט רעדן, אדער זיך צוהערן ווי איינער רעדט, לשון הרע, אדער רכילות. די תורה פארבאט אונז, נישט נאר צו רעדן לשון הרע אדער רכילות (אפילו אויב עס איז אמת); מיר טארן זיך אויך נישט צוהערן צו לשון הרע און רכילות, אדער עס גלייבן. אפילו אויב מיר קענען נישט מאכן אז אנדערע זאלן אויפהערן רעדן לשון הרע, דארפן מיר טון וואס מיר קענען אז מיר זאלן עס נישט הערן.

# א שאד

די תלמידים פון כיתה ה' זענען אויפגעשפרונגען מיט פרייד ווען דער רבי האט זיי געמאלדן וועגן דעם אויספלוג וואס וועט פארקומען דעם אנדערן טאג.

"מיר וועלן ארויספארן פינקטליך זיבן אזייגער צו 'ארי'ס פאן פארק' – דער איינציגער כשר'ער פארוויילונגס-ארט אין אונזער שטאט! פארגעסט נישט מיטצוברענגען עסן און אסאך וואסער צו טרינקען. ס'איז גוט הייס אינדרויסן," האט ער דערמאנט די תלמידים מיט א שמייכל.

"א מחי'!" האט אפרים אויסגערופן. "מיר וועלן מאכן א לעבן! מיין קוזין איז דארט געווען, און ער האט געזאגט אז ס'איז זייער אינטערעסאנט."

די אינגלעך זענען ארויסגעגאנגען פון קלאס.

"ווארט נאר א רגע, שמואל!" האט משה, שמואל'ס שכן פון כתה ו', אים גערופן פון קארידאר. "וואס איז די גרויסע שמחה?"

"מיר פארן אם ירצה השם מארגן צו ארי'ס פאן פארק," האט שמואל אים ערקלערט. "מ'שמועסט אז ס'איז זייער געשמאק דארט."

משה האט פארקרומט זיין פנים. "ארי'ס פאן פארק? כ'האב נאך קיינמאל נישט געהערט פון דעם פלאץ. מסתמא איז עס עפעס א נעבעכדיגער שפיל-פלאץ מיט א פאר גליטשערס, פונקט גוט פאר קינדערגארטן אינגלעך."

"יא, דו האלטסט טאקע אזוי?" האט שמואל געפרעגט, שפירנדיג ווי ער פארלירט דעם גאנצן חשק.

## המשך הלכה 2



"כ'בין זיכער אז ס'איז נישט דער בעסטער פלאץ אויף דער וועלט," האט משה געזאגט אן צווייפל. "איך קען שוין אונזער חדר – זיי קענען נישט טרעפן קיין נארמאלע פלעצער אונז צו טראגן."

שמואל איז אהיימגעקומען מיט א פארזויערטן פנים.

"איך מיין אז איך פאר נישט מיט אויפ'ן אויספלוג," האט ער געזאגט פאר זיין מאמען. "ס'איז פשוט א שאד די געלט צו פארן צו אזא קינדישער פארק. ס'איז שוין בעסער צו האבן א וואקאציע אינדערהיים."

משה'ס ווערטער האבן געקלונגען א גאנצן טאג אין שמואל'ס אויערן בשעת ער איז געזעצן אינדערהיים אין דער צייט וואס זיינע חברים זענען געפארן אויפ'ן אויספלוג. ער האט גארנישט געטון דעם גאנצן טאג, חוץ פארברענגט די צייט און זיך ארומגעדרייט לאנגווייליג.

ווען שמואל איז געקומען דעם אנדערן טאג אין חדר, האבן די חברים אים ארומגענומען און באווארפן מיט פראגעס. "פארוואס ביסטו נישט געקומען, שמואל? ס'איז געווען א מחי'!"

שמואל האט נישט געהאט וואס צו ענטפערן – נישט פאר זיינע חברים, און נישט פאר זיך אליין.

### טראכט אריין...

1) וואס האט שמואל לכתחילה געהאלטן וועגן דעם אויספלוג?

2) וואס האט געמאכט אז ער זאל טוישן זיין מיינונג?

3) **לאמיר איבערשמועסן:** שמואל האט קענטיג פארלוירן א גוטע געלעגנהייט דורכ'ן אננעמען משה'ס ווערטער. ווי אזוי וואלט ער זיך געקענט אנדערש אומגיין נאכ'ן הערן משה'ס שלעכטע רייד אויף "ארי'ס פאן פארק"?

## הלכה 3

**"השמר בנגע הצרעת"**

- היט זיך פון דער קרענק פון צרעת. (דברים כ"ד:ח')

### לאמיר פארשטיין די הלכה

די תורה לערנט אונז אז די שטראף פאר'ן רעדן לשון הרע איז צרעת – א קרענק אויף דער הויט. א מענטש וואס איז געשלאגן געווארן מיט צרעת איז געווארן טמא און האט געדארפט זיין אפגעזונדערט פון גאנץ כלל ישראל. ער האט געדארפט תשובה טון אויף זיין עבירה און דורכגיין א לאנגע באהאנדלונג כדי צו ווערן צוריק טהור. כאטש מיר ווערן שוין היינט נישט געשטראפט מיט צרעת, לערנט אונז דער פסוק אז מיר מוזן נאך אלץ זיין פונקט אזוי פארזיכטיג מיט די רייד, ווי מיר וואלטן נאך היינט געקענט באקומען די שטראף.

# א שטראף פון פארצייטנס

יהודה האט שפאצירט א פארטראכטער אויף די פארשטויבטע גאסן. פונדערווייטנס האט ער געזען דאס בית-המקדש, דאס הערליכע הויז וואו די שכינה האט גערוט, שיינען מיט דער פולסטער פראכט. אין אנדערע טעג, פלעגט ער צומאל נעמען זיין לאגל וואסער, זיך אוועקזעצן אויפ'ן שפיץ פון א הויכן בארג, באטראכטן דעם הייליגן ארט און זיך אנזאפן מיט קדושה. היינט, אבער, איז יהודה געגאנגען אויפ'ן באקאנטן וועג מיט אן אראפגעלאזטן קאפ.

"יהודה!" האט ער פלוצלינג געהערט עמיצן אויסרופן זיין נאמען. ער האט זיך אויסגעדרייט און געזען ווי חנינא לויפט ארויף שנעל דאס געדרייטע געסל און פרובירט אים נאכיאגן.

יהודה האט זיך אפגעטרייסלט פון די טרויעריגע געדאנקען און צעשמייכלט. "מוזסט נישט לויפן," האט ער געזאגט פאר זיין חבר, חנינא'ן. "איך וועלווארטן אויף דיר. נישטא וואס זיך צו יאגן."

"יישר כח," האט חנינא געזאגט פארסאפעט. "איך האב געוואלט זען וואס דו מאכסט. ס'איז דיר מסתמא זייער שווער..."

יהודה האט אפגעזיפצט. עס איז נישט קיין סוד אז זיין עלטערער ברודער האט באקומען אן אויסשלאג (צרעת), די שטראף פאר דער זינד פון רעדן לשון הרע. יעצט האט עזרא געדארפט זיין

## המשך הלכה 3




אפגעזונדערט פון כלל ישראל, ביז ער וועט ווערן אויסגעריייניגט פון דער צרעת.

"איך האב דיר געוואלט פארשלאגן," האט חנינא שעמעוודיג זיך אנגערופן, "אז מיר זאלןביידע מתפלל זיין פאר עזרא'ן, און דערנאך וועל איך דיר געבן א פרישע פייג פון אונזער פעלד."

בשעת די צוויי חברים זענען געשטאנען אינאיינעם און געדאווענט פאר עזרא'ן, האט יהודה געטראכט – צום טויזנטסטן מאל יענעם טאג – וועגן דער הארבקייט פון דער עבירה פון לשון הרע. מיט טרערן אין די אויגן האט ער געבעטן דעם אויבערשטן, ער זאל אים ראטעווען פון רעדן דברים אסורים.

### טראכט אריין...

1) צוליב וואס פלעגן מענטשן באקומען צרעת?

2) אין די צייטן ווען צרעת האט נאך עקזיסטירט, ווי אזוי, קלערסטו, האבן מענטשן באטראכט די עבירה פון לשון הרע אנדערש ווי היינט?

3) **לאמיר איבערשמועסן:** היינט איז מער נישטא די שטראף פון צרעת. ווי אזוי דען קענען מיר זיך דערמאנען וועגן דער הארבקייט פון לשון הרע?

## הלכה 4

**"ולפני עור לא תתן מכשל"**

- דו זאלסט נישט שטעלן קיין שטרויכלונג פאר א בלינדן מענטש. (ויקרא י"ט:י"ד)

### לאמיר פארשטיין די הלכה

אויב מען וואלט באגעגנט א בלינדן מענטש און געשטעלט פאר אים א שטיין אויף דער ערד, ווי ער וועט זיך דערין אנשטויסן און אומפאלן, וואלט עס געווען גאר א רשעות'דיגער אקט. די תורה ניצט דעם ביישפיל אונז צו לערנען אז מען טאר קיינמאל נישט צוברענגען צו דעם אז אן אנדער מענטש זאל געשעדיגט ווערן, ספעציעל דורכ'ן עובר זיין אויף אן איסור אין דער תורה.

איינער וואס רעדט אדער הערט אויס לשון הרע שטעלט דערמיט אונטער א שטרויכלונג פאר אנדערע מענטשן. אויב מען רעדט לשון הרע, איז מען גורם אז דער צוהערער זאל עובר זיין אויף אן איסור אין דער תורה.

אויב מען הערט אויס לשון הרע, איז מען אויך גורם אז א צווייטער – דער דערציילער - זאל געשעדיגט ווערן, ווייל אויב דו וואלטסט דיך נישט צוגעהערט, וואלט דער דערציילער נישט געהאט צו וועמען צו רעדן און ער וואלט געמוזט בלייבן שטיל.

# בארג אראפ

אה, ס'איז א מחי'דיגער וועטער," האט לייבוש זיך אנגערופן צו זיין חבר, פנחס, ארייגאטעמענדיג די פרישע לופט. "דער בעסטער טאג צו שפאצירן אין פארק. דער פארק איז כמעט ליידיג. ס'איז אזוי שטיל און רואיג דא."

די צוויי חברים האבן שווייגנדיג שפאצירט ארום דעם טייכל אינמיטן פארק. די זון האט געגלעט זייערע באקן מיט אירע ווארימע שטראלן, און זייערע פיאות האבן זיך געשאקלט מיט'ן לייכטן ווינטל.

די שטילקייט האט זיך איבערגעריסן פון פנחס'ס פלוצימדיגן געלעכטער.

"וואס איז געשען?" האט לייבוש געפרעגט פארוואונדערט, ארומקוקנדיג זיך אויף אלע זייטן.

"גארנישט," האט פנחס געענטפערט מיט א שמייכל. "כ'האב זיך נאר דערמאנט ווי אזוי נתן האט אויסגעזען ווען דער רבי האט אים געזאגט אז ער מוז זיך לאזן נאכאמאל פארהערן."

"ער פארהערט זיך נאך אמאל?" האט לייבוש איבערגעפרעגט. "ווי אזוי קען זיין אז ער האט נישט געקענט ביים פארהער? ער האט דאך אזוי פיל גע'חזר'ט!"

"אזוי ווי דו הערסט. ער האט נישט געקענט ביים פארהער," האט פנחס געזאגט.

"אוי, נעבעך," האט לייבוש געזאגט מיט מיטלייד. "כ'האב נישט געוואוסט אז ער האט אזא

## המשך הלכה 4



שוואכע קאפ. כ'האב אפילו געוואלט זיין זיין חבר, אבער יעצט זע איך אז ער איז נישט פונקט וואס איך זוך."

"יא, ס'זענען דא מענטשן וואס זענען פשוט נישט צו קלוג, אויב דו פארשטייסט וואס איך מיין צו..." פנחס האט נישט באוויזן צו פארענדיגן די ווערטער, ווען ער האט ארויסגעלאזט א הילכיגן קוויטש.

ער האט געזען ווי לייבוש'ס פוס האט זיך פארהאנקערט אין עפעס, און לייבוש האט זיך אראפגעקייקלט בארג-אראפ ביי דער זייט פונעם אויסגעפלאסטערטן וועג. ער איז שיער אריינגעפאלן אינעם וואסער, אבער אין דער לעצטער רגע האט ער זיך אנגעכאפט אויף א שטיין און זיך געראטעוועט.

מיט פנחס'ס הילף, האט לייבוש ענדליך זיך צוריק דערזען אויפ'ן שמאלן וועג. לייבוש האט זיך אויסגעדרייט צו קוקן אויף וואס ער איז אומגעפאלן, און באמערקט פנחס'ס טאשקע מיט עסן, וואס ער האט אראפגעלייגט אויף דער ערד באלד ביים אנקומען.

"אוי, פנחס," האט לייבוש אים פארגעהאלטן מיט פארדרוס. "פארוואס גיבסטו נישט בעסער אכטונג אז אנדערע זאלן זיך נישט אויסגליטשן?!"

### טראכט אריין...

1) אין וועלכע צוויי אינצידענטן אין דער מעשה איז לייבוש דורכגעפאלן?

2) וואספארא שאדן האט יעדער דורכפאל גורם געווען?

3) **לאמיר איבערשמועסן:** אויף וויפיל אופנים קען א מענטש צוברענגען אז א צווייטער זאל דורכפאלן מיט לשון הרע?

# וועכנטליכע חזרה 1

## הלכה 1

איינער פון די פאלגנדע זאצן איז לשון הרע, און דער אנדערער איז רכילות. וועלכער איז לשון הרע?

1. "צחק, האסט באמערקט אז נתן איז נישט צו קלוג?"
2. יצחק, נתן האט מיר געזאגט אז דו ביסט נישט צו קלוג."

## הלכה 2

מ'מעג צוהערן לשון הרע, נאר אויב מ'נעמט נישט אנטייל אינעם שמועס. ריכטיג, אדער נישט?

## הלכה 3

מיט וועלכן עונש טוט די תורה שטראפן די וואס רעדן לשון הרע?

1. טויט שטראף
2. צרעת

ג. געלט שטראף

## הלכה 4

רעדן לשון הרע איז געגליכן צו שטעלן א שטרויכלונג פאר א בלינדן מענטש ווייל

1. מען איז גורם דערמיט אז איינער זאל ווערן געשעדיגט דורכ'ן טון אן עבירה.
2. דאס הארץ פון דעם מענטש וואס רעדט לשון הרע איז הארט ווי א שטיין.

# שבת מעשיות

**שבת מעשה**
**זעקס־און־צוואנציגסטע וואך: הלכה 104 – 101**

## צוויי שטילע שעה

רבי'ניו," האט א תלמיד פונ'ם חפץ חיים זיך אמאל ביטערליך באקלאגט, "איך האב געהאלטן א צוויי שעה'דיגע דרשה אויף שמירת הלשון, אבער ס'זעט נישט אויס ווי ס'האט געהאט א השפעה אויף די צוהערערס. מענטשן האבן זיך נאכנישט אפגעקערט פון זייערע שלעכטע געוואוינהייטן."

"איך בין איבערראשט פון דיר," האט דער חפץ חיים געזאגט. "מיר ווייסן דאך פון דעם ווילנער גאון אז א מענטש באקומט אן אומבאגרייפליכער געוואלדיגער שכר פאר יעדער איינציגער מינוט וואס ער האלט זיך איין פון רעדן לשון הרע. דאס באשטייט פון נהנה זיין פון אזא שיינעדיגער ליכטיגקייט וואס אפילו מלאכים קענען זיך נישט פארשטעלן. יעצט טראכט אריין א מינוט. דער גרויסער שכר ווערט געגעבן פאר יעדער מינוט פון זיך בלויז איינהאלטן פון דברים אסורים. פרוביר זיך נאר פארצושטעלן דעם געוואלדיגן שכר וואס מ'באקומט זיכער פאר צוויי שעה פון שטילקייט און איינהאלטונג. קענסט באגרייפן וואס דו האסט פאק־טיש דערגרייכט בשעת'ן רעדן?"






Yiddish Program

שומרי הלשון

# Registration Form

Please complete and fax to: 732-905-7943 or email to: shomreihaloshonyid@gmail.com

**School:**__________________________________**Principal:**_________________
**Address:**_____________________**City:**___________**State:**_____**Zip:**__________
**Phone:** (____)____________**Fax:** (____)___________**Email:** __________________

**SHOMREI HALOSHON** *is an outstanding program that uses fun, excitement, and plenty of motivation to help children build life-long habits of* shemiras haloshon. *(Recommended for grades 4-5)*

Teachers' Names: _________________________________________
Teachers' Numbers: _______________________________________

- **Please indicate if each teacher can receive <u>texts</u> or not.**

Please fill out the form below:

| | Item | Description | Price | Quantity | Cost |
|---|---|---|---|---|---|
| A | Curriculum | Loose-leaf binder with master copies of the daily program material (for first-time registrants only) | $250.00 | Select: __boys __girls __Satmar | |
| B | Re-registration | Yearly renewal fee | $50.00 | | |
| C | Teacher Binders | **Additional** binders for teachers | $10.00 per binder | | |
| D | Student Membership* | Includes: •Rank cards •Prizes •Raffles | $2.00 per student | | |
| | | | | **Total Cost:** | |

*If you do not know how many students you will have next year, please leave this part blank, and inform us when you know.

Participating grade/s: ________________
Total number of participating students: ___________

☐ I agree to pay the fees listed above. Invoices will be sent when registration is complete.
☐ I agree to have our school name publicized with other Shomrei Haloshon schools.

Program Coordinator: _________________________
Principal's Signature: ___________________ Date: ________

Bidrachov is a division of The Chofetz Chaim Heritage Foundation
204 Clifton Ave. Suite C, Lkwd, NJ 08701 ☙ 732-905-9909 ☙ FAX 732-905-7943

BIDRACHOV